Yitskhok-Leybush Peretz

# LE KHANUKE D'UN JEUNE ÉCRIVAIN

(Non contents de nous borner à donner ici seulement le début, de surcroît raccourci, de ce conte de Peretz, nous en proposons une traduction improvisée. Que pouvons nous faire de plus pour vous convaincre de le lire un jour en entier dans le texte ?)

1.

J'ai pris au siège du journal une avance et promis quelque chose pour Khanuke, pour la date de la septième bougie. L'« éditeur responsable » me l'a fait promettre solennellement ; le directeur littéraire m'a exigé ma parole d'honneur d'écrivain. En m'engageant, j'ai battu des paupières, question d'avoir l'air sérieux, et le caissier s'est mis sur le champ à compter l'argent. J'en ai reçu beaucoup : que de la ferraille.

Je dois donc écrire, bien qu'un savant allemand, paix à son âme, ait dit que *kein mensch muß müssen*, personne ne doit devoir. Mais il y a bien un restaurateur qui ne brille pas par sa patience et ne fait crédit que pour un mois au grand maximum. Si une déchirure apparaît dans les bottes ou dans le pantalon, il faut payer en espèces. Et il y a aussi la logeuse, une bonne femme juive corpulente et de mauvais poil, laquelle, si on ne paie pas dans les délais, commence par ne plus fournir de petit-déjeuner et ensuite, si ça ne fait pas d'effet, elle confisque la clé, ne vous laissant d'autre choix que de pernocter dehors sur la neige humide. Il est vrai que Marie, la servante ébouriffée aux mains sales jusqu'à la hauteur du bras et aux yeux rêveurs jusqu'aux

יצחק־לײבוש פּרץ

# **אַ יונגן שרײַבערס חנוכּה**

(געקירצטער אָנהייב)

.1

געקומען אין דער רעדאַקציע האַנטגעלט און צוגעזאָגט אַ זאַך אויף חנוכּה; צום זיבעטן ליכטל. דער „דוכאָוונע" רעדאַקטאָר האָט בײַ מיר גענומען תּקיעת־כּף. דעם צווייטן, דעם ליטעראַרישן , האָב איך מײַן ערנוואָרט, דעם „הן־צדק" פֿון אַ שרײַבער געגעבן. עס זאָל ערנסט אויסזען, האָב איך דערבײַ מיט די אויגן געפּינטלט, און דער קאַסירער האָט זיך באַלד גענומען צום אויסציילן. באַקומען האָב איך אַ סך; סאַמע קופּערן קליינגעלט.

און שרײַבן מוז איך, כאָטש אַ דײַטשער פּוסק, עליו השלום, האָט געזאָגט, אַז „קיין מענש מוס מיסען". עס איז פֿאַראַן אַ רעסטאָראַטאָר, וואָס איז קיין ארך־אַפּים נישט און גיט קרעדיט העכסטנס אויף אַ חודש. מאַכט זיך אַ פּתיחה בײַ די שטיוול אָדער בײַ די הויזן, מוז מען צאָלן באַר געלט. און עס איז פֿאַראַן אַ באַלעבאָסטע, אַ דיקע, בייזע ייִדענע, וואָס, אַז מען צאָלט איר נישט צו דער צײַט, הערט זי פֿריִער אויף צו געבן טיי, דערנאָך, אויב עס העלפֿט נישט, נעמט זי דעם שליסל פֿון צימער צו, – כאָטש נעכטיק אויפֿן נאַסלעכן שניי אין גאַס. מאַריע, אמת, דאָס צעשויבערטע דינסטמיידל, מיט די ברודיקע הענט ביז אין אָרעם און טיף־פֿאַרחלומטע אויגן ביזן שאול־תּחתּיה אַרײַן, דערלאַנגט מיר טיי בגנבֿה פֿון דער באַלעבאָסטע. זי האָט פֿאַר מיר גרויס ליבשאַפֿט מיט דרך־ארץ. זי זאָגט, אַז איך מוז זײַן אַ שרײַבער פֿון איר צד,

וואָרן די שרײַבער פֿון דער באַלעבאָסטעס צד גייען הײַנט אין גאָלד. איין מאָל פֿאַר טאָג האָט זי זיך אַרײַנגעגנבֿעט צו מיר, און מיט טרערן אין די אויגן פֿאָרגעשלאָגן אַ קליינע הלוואה אויף דירה־געלט... נאָר אַזוי טיף געפֿאַלן בין איך נישט. גערירט, האָב איך זי געקושט. זי האָט געציטערט אין מײַנע אָרעמס, נאָר דאָס געלט – איין גאָט ווייסט, וואָס פֿאַר אַ נסיון עס איז געווען! – האָב איך נישט גענומען. זי האָט עס מיר אונטערן קישן געלייגט, איך האָב עס געפֿונען און צוריקגעגעבן. איך בין נישט אַזאַ שמאַטע, ווען מען זאָגט... נאָר ווי לאַנג קען אַ מענטש אויסהאַלטן אַ נסיון ?

profondeurs de l'enfer, me sert le petit-déjeuner à l'insu de la patronne. Elle me voue une grande affection et déférence. Elle dit que je dois être un écrivain de son bord, parce que les auteurs du côté de sa patronne roulent à présent sur l'or. Une fois, au petit matin, elle s'est faufilée dans ma chambre et, les yeux en larmes, elle m'a proposé un petit prêt pour payer le loyer… Mais je ne suis pas tombé si bas. Ému, je l'ai embrassée. Elle tremblait dans mes bras, mais son argent – et Dieu sait la rudesse de cette épreuve – je ne l'ai pas pris. Elle me l'a mis sous l'oreiller ; je l'ai trouvé et le lui ai rendu. Je ne suis pas la loque qu'on dit… Mais jusqu'à quand un être humain peut-il résister à la tentation ?

מען מוז דעריבער וואָרט האַלטן. מיט דער דיקער באַלעבאָסטע איז נישט צו שפּאַסן. נעכטן האָט זי מיר ווײַטער צוגענומען דעם שליסל. „מוחל, זאָגט זי, דאָס שׂכירות, נאָר הײַדאַ!” איך האָב איר געזאָגט, אַז על־פּי־דין איז זי גערעכט, נאָר אַז הײַנט דאַרף זי טאָן לפֿנים־משורת־הדין. זי דאַרף מיך לאָזן בשלום חנוכּה־ליכט בענטשן! זי איז באַשטאַנען. די האַרטקייט איז אַראָפּ פֿון פּנים, אין די אויגן האָט זיך איר באַוויזן אַ צערטלעכקייט –

Il faut donc tenir parole. On ne badine pas avec la logeuse corpulente. Hier elle m'a encore pris la clé. « Je me passerai, dit-elle, de votre loyer, mais dégagez ! ». Je lui ai répondu que selon la loi elle avait raison, mais qu'à une date pareille il fallait appliquer la loi avec souplesse. Qu'elle devait me laisser faire dans le calme la bénédiction des bougies ! Elle y a consenti. Son visage a perdu de sa dureté ; dans ses yeux est apparue une lueur de tendresse :

– נאַט, נאָר דאָס לעצטע מאָל! „אַ ייִדישע קישקע קאָן מען פֿאָרט נישט אָפּשאַצן!” – האָט זי צוגעגעבן און האָט מיר אַפֿילו דערלויבט צו נעמען פֿון קיך אַ שײַטל האָלץ, די ליכטלעך צוצוקלעפּן! זי האָפֿט אויף אַ חלק פֿון שׂכר פֿאַר די מיצווה. דערפֿאַר האָט מאַריע אויף מיר אַ שלעכט אויג געוואָרפֿן: זי קלערט, אַן איך בין פֿאָרט פֿון דער באַלעבאָסטעס צד; אַניט, וואָלט איך אַנדערע ימים־טובֿים געהאַט.

— Tenez, mais c'est la dernière fois ! Qui peut deviner ce que recèle une tripe juive ! — a-t-elle ajouté, et est allé jusqu'à me permettre de prendre à la cuisine un morceau de bois où coller mes bougies. Elle misait sur une partie de ma récompense pour avoir accompli ce rite. En revanche Marie m'a lancé un regard mauvais : elle pensait que je devais être malgré tout dans le camp de sa patronne ; autrement, mes fêtes seraient autres.

2.

ווי עס איז, איך בין אין שטוב.

שרייַבן מוז מען, נאָר צי קאָן מען?

טינט פֿאַראַן, פּאַפּיר האָב איך אין רעדאַקציע באַקומען, די פֿעדער אין האַנט האַלט איך, – נאָר פֿון בייז זאָל איך אַזוי וויסן, אויב איך ווייס, וואָס מען שרייַבט.

[...]

קיין איינציקער חנוכּה־געדאַנק! בכלל רירט זיך נישט אין מוח! דאָס האַרץ איז טרוקן און פֿאַרוויאַלעט, ווי אַן אָפּגעוואָרפֿענע צווייַג, וואָס וואַלגערט זיך יאָרן לאַנג אַרום אין וואַלד, און דער קאָפּ איז לער, ווי ווינטערצייַט אַ שוואַלבננעסט.

[...]

צי האָב איך אַ מאָל אייגענע געדאַנקען, אַן אייגענע נשמה געהאַט? אַפֿילו אַ מאָל אין דער יוגנט, גאָר אין די טיפֿע קינדער־יאָרן...

די זייַנען שוין אָבער לאַנג אַוועק. און די זכרונות זייערע שווימען וואָס אַ מאָל פֿון מיר ווייַטער און ווייַטער. זיי ציִען זיך, ווי די לייַכטע, פֿאַרגאָלדטע אָוונט־נעפּל קיין מיזרח, בשעת ווען די מידע זון לאָזט זיך אַראָפּ קיין מערבֿ. כאָטש איך בין קיין זון קיין מאָל נישט געווען... איך בין געווען אַ לבֿנה, נאָר אויך נישט בייַ דער זון, – בייַ גראָשנדיקע חלבֿנע ליכטלעך האָב איך ליכט גענומען און פֿאַרצוקערט אויפֿן ליטעראַרישן מאַרק... און דאָך אַרויסרופֿן חנוכּה־בילדער, חנוכּה־שטימונגען מוז איך. איך מוז מיך דערמאָנען, מיט געוואַלד צוריק אַרויסרופֿן די קינדער־יאָרן, די צייַט, ווען אַלץ איז געווען האַרציק ווייך... דופֿטיק, הויך... פֿון דער צייַט פֿון שטערן, בלומען און – גאָט ווייסט וואָס! איך מיין: פֿון באַהאַלטענער, קוים געשפּירטער, קוים געפֿילטער ליבע...

2.

Quoi qu'il en soit, je suis dans la chambre.

Écrire, il le faut bien, mais est-ce qu'on le peut ?

Ce n'est pas l'encre qui me manque ; du papier, on m'en a donné au siège du journal et la plume, je l'ai à la main. Mais je voudrais avoir autant de malheur que j'ai idée de ce qu'on pourrait écrire.

[…]

Pas la moindre idée concernant Khanuke ! Plus largement : dans le cerveau, rien qui bouge. Le cœur est sec et rabougri comme une branche détachée traînant depuis des années dans la forêt, et la tête est vide comme un nid d'hirondelle en hiver.

[…]

Aurais-je eu n'importe quand des idées à moi, un âme qui aurait été mienne ? Peut-être autrefois, dans ma jeunesse, en pleine enfance…

Mais celles-ci sont parties depuis longtemps. Et leurs souvenirs flottent de plus en plus loin de moi. Ils se déplacent, tels des brumes du soir voguant dorées et légères vers l'Est, pendant que le soleil fatigué se couche à l'Ouest. Bien que je n'aie jamais été un soleil… Une lune, voilà ce que j'ai été, et ceci pas auprès du soleil. C'est auprès de bougies de suif à un sou que j'ai pris ma lumière pour la vendre comme des petits pains chauds au marché littéraire… Pourtant, je suis dans l'obligation de susciter des tableaux de Khanuke, de faire revivre l'esprit de la fête. Je dois me souvenir, me forcer à retrouver les temps de l'enfance, quand tout était cordial et tendre… Odorant, exalté… Les temps des étoiles, des fleurs, de Dieu sait quoi encore ! Je veux

– מאַריע !

זי קומט אַרײַן האַלב דערשראָקן.

– האָסט נישט קיין וועקסענע ליכט ?

– וואָס ?

– מיט וואָס גייסטו אין קעלער אַרײַן ?

– מיט אַ „סטאָטשיק”.

– דאָס מיין איך. באָרג מיר דײַן סטאָטשיק.

זי ברענגט'ן. איך שנײַד אָפּ אַ שטיק, טייל עס אויף חנוכּה־ליכט, צינד אָן, מאַך אַ ברכה־לבֿטלה, זי שטייט און קוקט מיט גרויס געעפֿנטע אויגן.

גיי זאָג איר, אַז איך דאַרף אַרויסרופֿן אַ חנוכּה־שטימונג...

dire : d'amour occulte, presque imperceptible, à peine ressenti…

— Marie !

Elle entre, un peu effrayée.

— Tu n'as pas de bougies de cire ?

— Quoi ?

— Que prends-tu pour descendre à la cave ?

— Un rat de cave.

— C'est bien ça. Prête-le moi.

Elle me l'apporte. J'en coupe un bout, le divise en bougies de Khanuke, les allume, récite inutilement la bénédiction. Elle se tient là et me regarde, les yeux grand ouverts.

Va lui expliquer que je dois faire revivre l'esprit de Khanuke.

.3

עפּעס שווימט אַרויס.

אַלטע, אַלטע צײַטן.

אומשטיינס געזאָגט, ווי אַלט איך בין אין גאַנצן, און דאָך ליגט דאָס גוטע פֿון מיר אַזוי ווײַט, אַזוי ווײַט !

מאַריע איז אַרויס פֿון שטוב.

די ליכטלעך, צום שײַטל האָלץ צוגעקלעפּט, ברענען אָרעם און שעמעוודיק, און לויכטן, ווי יתומים־אייגעלעך בײַם שטיפֿטאַטנס טיש. דאָך טרעפֿן די דינע שטראַלן צו מיר אין האַרץ אַרײַן. עס הייבט זיך דאָרט אויף אַ דינער, גאָלדענער שטויב. גאָלדן, לויכטן די זכרונות... אַ בילד :

איך דריי מיך אַרום איינער אַליין אין צימער. די חנוכּה־ליכט האָבן נאָר וואָס אויסגעצאַנקט, פֿון דער צווייטער שטוב פֿאַרטרײַבט מען מיך : דאָרט שפּילט דער טאַטע מיט געסט אין אָקע ; די גרויסע שעמען זיך פֿאַר מיר, אַליין דערפֿון

3.

Quelque chose émerge.

Des temps anciens, révolus.

Je dis « anciens ». Mon âge n'est pas si avancé que ça. Pourtant, le bon temps se trouve si loin, si loin !

Marie a quitté la chambre.

Les bougies, collées au bout de bois, brûlent pauvres et timides, brillent comme les yeux d'un orphelin à la table de son beau-père. Malgré ça, les fins rayons se frayent un chemin jusqu'à mon cœur. Une fine poussière dorée commence à s'y lever. Les souvenirs luisent avec un éclat d'or… Un tableau :

Je déambule tout seul dans une chambre. Les bougies de Khanuke se sont déjà consumées. De l'autre pièce on me chasse : là mon père joue aux cartes avec ses invités ; les adultes, sans s'en rendre

נישט וויסנדיק, און הייסן מיר בעסער גיין און אַרײַנקוקן אין אַ ספֿר. אין דער ערשטער שטוב זיצט די מאַמע מיט אירע ווײַבערשע געסט, און מען באַרעדט דאָס גאַנצע שטעטל. מען שינדט די הויט פֿון שכנים און שכנות קונציק: מיט רחמנות, מיט אַ געזיפֿצערײַ... דערצו פּאַס איך זיכער נישט. און אין אַלקער שפּילט די שוועסטער מיט אירע חבֿרטאָרינס אין לאָטערייקע. אַהין ציט מיך אַפֿילו, נאָר – איך וואָלט מער נישט געדאַרפֿט... און איך דריי מיך אַרום איינער אַליין, טרויעריק, בייזלעך, און פֿול שרעק צום ספֿר, צו וועלכן אַלע אַרום שיקן מיך אָפּ...

גייענדיק אויף און אָפּ, פֿאַרהאַלט איך מיך יעדעס מאָל בײַ דער אָפֿענער טיר פֿון אַלקער. און פּונקט דעמאָלט הייבט זיך אויף אַ גאָלדן קעפּל אין וואַרפֿט מיר צו אַ שעלמישן בליק, – מײַנס אַ שוועסטערקינד. און אויגן האָט זי! – קוילן ברענענדיקע, גרויסע, און דאָס פּנימל איז דערבײַ אַזוי בלאַס, אַז עס דערוועקט לײַטזעליקייט, פּשוט אַ רחמנות, בשעת ווען די ברענענדיקע אויגן ציִען צו און שרעקן אָפּ צוזאַמען... זי קומט גאַנץ אָפֿט צו דער שוועסטער. איך טרעף זי גאַנץ אָפֿט אויף די טונקעלע טרעפּ, מיר קומען זיך אַנטקעגן און בלײַבן ביידע שטיין אַ ווײַלע, זי קומט צו זיך די ערשטע און אַנטלויפֿט מיט אַ געלעכטער, און מאָדנע קלינגט דאָס לאַכן אירס. לאַנג שטיי איך און זאַפּ אײַן דאָס געלעכטער, וואָס הערט זיך ווײַט, ווײַט פֿון דער הייך צי פֿון דער נידער... און אין האַרץ ווערט מיר אַזוי אומרויִק, אַזוי וווּנדערלעך קאַלט, וואַרעם און זיס... איך האַלט עס נאָך דעמאָלט פֿאַר אַ זינד, און וויל מיך פֿון דער זינד באַפֿרײַען... איך דריי מיך אָפּ פֿון אַלקער־טיר און באַמי זיך צו טראַכטן וועגן לערנען, וועגן נס פֿון חנוכּה, וועגן כּשרן בוימל, חשמונאים, בית־המיקדש און אַנדערע גוטע זאַכן. איך פֿאַרטראַכט זיך און קום צוריק צו דער אַלקער־טיר.

compte eux-mêmes, ont honte devant moi ; ils me disent d'aller plutôt étudier quelque livre pieux. Une pièce plus loin, c'est ma mère qui reçoit ses visites féminines et on est en train de médire de la bourgade entière. On habille pour l'hiver voisins et voisines avec grand art : en s'apitoyant, avec force soupirs… Ceci ne me convient certainement pas. Dans la chambre à coucher, ma sœur joue avec ses amies au loto. Là j'ai bien envie de participer, mais il ne manquerait que ça… Je tourne donc tout seul, triste, irrité et plein de crainte du livre pieux vers lequel tout le monde me renvoie…

Dans mes allées et venues, je m'arrête à chaque fois devant la porte ouverte de la chambre à coucher. Et c'est justement à ce moment que se lève une tête dorée et me lance un regard malicieux : une de mes cousines. Quels yeux elle a ! Des charbons ardents, grands ; son petit minois est si pâle qu'il éveille la bienveillance, la compassion même, tandis que les yeux brûlants attirent et font peur en même temps… Elle vient souvent voir ma sœur. Je la croise régulièrement dans l'escalier sombre : nous nous retrouvons face à face et nous arrêtons tous les deux une seconde ; c'est elle qui se remet la première et s'enfuit en riant. Son rire sonne étrange. Moi je reste longtemps à absorber ce rire qui résonne bien lointain venant soit du haut, soit du bas… Dans mon cœur je sens une inquiétude, quelque chose de prodigieusement froid, chaud et suave… À l'époque je le tiens encore pour un péché et voudrais m'en affranchir… Je me détourne de la porte de la chambre et tente de penser à Khanuke, au miracle de l'huile

מיט אַ מאָל, שטייענדיק פֿאַר דער אַלקער־טיר, באַמערק איך, אַז די שוועסטער מײַנע, וואָס האָט דאָס זעקל נומערן אין דער האַנט, רופֿט זיי אויס נישט מיט אַ ריינער שטימע. זי איז, דאַכט זיך מיר, הייזעריק. די שוועסטער, נאַטירלעך, האָב איך ליב, ווי דאָס לעבן, ווייניקסטנס אין יענער מינוט, און מיט איין שפּרונג בין איך אין אַלקער, נעם איך איר פֿון האַנט אַרויס, נישט אַזוי זאַנפֿט אַפֿילו, דאָס זעקל, און ווער אַ זאָגער בײַ די מיידלעך.

דאָס גאָלדענע קעפּל וויל מיר צושמייכלען, און קאָן זיך נאָר פֿאַרקרימען: זי האָט פֿאַר זיך די לעצטע קאָפּיקע און ווייניק אויף די טאָוועלעך.

עס פֿאַלט מיר איין, אַז איך מוז איר העלפֿן, זען, וואָס עס פֿעלט איר און אויסרופֿן. נאָר איידער איך קום דערצו, דעקט זי 39 בײַ נומער 40, גיט אַ געשריי: קווינטערנע!, גראַטשעט מיט דער רעכטער האַנט אויס דאָס געלט פֿון טעלערל, קערט אום מיט דער לינקער די טאָוועלעך און רופֿט נאָך אַ מאָל: געוווּנען!

די מיידלעך אַרום שווײַגן פֿאַרוווּנדערט, דערשראָקן, און קומען דאָך באַלד צו זיך און שרײַען:

– פֿאַלש, פֿאַלש!

און זי ווענדט זיך צו מיר בלאַס און דערשראָקן מיט אַ פֿלאַמענדיקער בקשה אין אויג: העלף מיר! זײַ מציל מײַן כּבֿוד, מײַן ערלעכקייט, איך האָב מיך אַליין פֿאַרפֿירט...

באַ, עס איז נישט איר לעצטער פֿאַלש געווען!...

consacrée, aux Hasmonéens, au Temple et à d'autres choses vertueuses. Plongé dans mes pensées, je reviens vers la porte de la chambre à coucher.

Soudain, planté là, je remarque que ma sœur, qui a dans sa main le sac de boules, annonce les numéros d'une voix voilée. Elle semble être enrouée. Ma sœur, naturellement, je l'aime comme la prunelle de mes yeux, au moins en ce moment là. D'un seul bond je suis déjà dans la chambre, lui prend de la main, peut être sans trop de délicatesse, le sac, et me voilà promu diseur chez les filles.

La petite tête dorée veut me sourire, mais elle ne peut que faire la grimace : elle en est à son dernier kopeck et n'a pas grand chose sur ses cartons.

Il me vient à l'esprit que je dois l'aider, voir ce qui lui manque et l'annoncer. Mais avant que je n'y parvienne, c'est elle qui met un jeton sur le 39 lorsque je viens d'annoncer 40, s'écrie « Quine ! », ramasse avec la main droite l'argent de la petite assiette, renverse de la gauche les cartons et s'écrie à nouveau : « Gagné ! ».

Les filles alentour se taisent, étonnées, effarées, puis retrouvent leurs esprits et s'écrient :

— Tricherie, tricherie !

Quant à elle, elle se tourne vers moi, pâle et apeurée, avec une supplique fervente dans ses yeux : Aide-moi ! Sauve mon honneur, ma réputation, je me suis fourvoyée…

Bah, elle n'en était pas à sa dernière tricherie !…